**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס אנאנסירן באדייטנדע פארשריט מיט סאָבוועי און טראנספארטאציע פובליק זיכערהייט איניציאטיוו**

***גרויסע פארברעכנס אויף סאָבוועי אראפ מיט 16 פראצענט זינט ['פאליציי, קאמעראס און קעיר' איניציאטיוו]() איז אנאנסירט געווארן אין אקטאבער, אין פארגלייך צו די זעלבע צייט אפשניט פאריגע יאר***

***פארברעכן ראטעס אויפן סאָבוועי קערן זיך צוריק צו שטאפלען פון בעפאר די פאנדעמיע***

***צווייט-נידריגסטע שטאפל אין פארברעכנס אויף טראנספארטאציע אין יאנואר זינט 1993***

***650 ניו יארקער אן הייזער פארבינדן מיט קריטישע אינטערווענץ סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האקול און מעיאר עריק עדעמס האבן היינט אנאנסירט נייע ציפערן וועלכע ווייזן באדייטנדע פארשריט אויף פובליק זיכערהייט איניציאטיוו אויף די סאָבוועי און טראנספארטאציע וועלכע זענען איינגעפירט געווארן לעצטע יאר. [לעצטע אקטאבער האבן די גאווערנער און מעיאר]() אנאנסירט אז די NYPD און די MTAPD וועלן פארגרעסערן פאליציי אנוועזנהייט אויף די פלאטפארמעס און אזוי אויך פארברייטערן די מעגליכקייטן פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) צו שטיצן היימלאזע מענטשן וועלכע האלטן זיך אויף אין די סאָבוועי סיסטעם און די וועלכע ליידן פון ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז מאנשאפטן וועלכע זענען ארויסגעשיקט געווארן נאך אקטאבער 2022 האבן שוין געהאלפן מער פון 650 נויבאדערפטיגע היימלאזע ניו יארקער צו פארבינדן ווערן מיט קריטישע אינטערווענץ סערוויסעס.

"מיין הויפט ציהל אלץ גאווערנער איז צו האלטן ניו יארקער זיכער, אין די גאסן, אין זייערע היימער, אין זייערע סקולס אדער אויף די סאָבוועי, און מיר וועלן טוהן אלעס וואס פעהלט זיך אויס צו מאכן אונזערע סאָבוועיס זיכערער פאר די פאסאנזשירן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער 'פאליציי, קאמעראס און קעיר' (Cops, Cameras, and Care) איניציאטיוו האט שטרענג באהאנדלט פארברעכן אויף די סאָבוועי, געהאלפן די וועלכע זענען אין נויט, און עס זעצט פאר צו צוציהען פאסאנזשירן צוריק צו די סאָבוועי סיסטעם. מיר האבן געארבעט צוזאמען מיט דעם מעיאר און מיט די NYPD, און מיר וועלן פארזעצן צו טוהן אלעס וואס פעלט זיך אויס צו מאכן ניו יארקער זיכער אויף די סאָבוועי."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "איין יאר צוריק, זענען איך און גאווערנער האקול געשטאנען אין די סאָבוועיס מיט אן עכטע פלאן צו זיכער מאכן אז מענטשן זענען זיכער און פילן זיכער אויף אונזערע סאָבוועיס. יעצט גייען די פארברעכנס אראפ, די צאלן פון פאסאנזשירן גייען ארויף און ניו יארקער פילן פארזיכערט אין זייער סיסטעם. מיר האבן נאך א לאנגע וועג צו גיין, אבער דאס איז גענוי

די צוזאמענארבעט וואס מיר דארפן צו פארבעסערן די סאָבוועי סיסטעם וואס איז די בלוט פון אונזער סיטי, און מיר וועלן זיך ווייטער רוקן אין די ריכטיגע ריכטונג."

**MTA טשעיר און CEO דזשענאָו ליעבער האט געזאגט,** "די צאל פאסאנזשירן דעם חודש איז ארויף מיט 35 פראצענט אין פארגלייך צו לעצטע יאר, בשעת פארברעכן איז אראפ מיט 28 פראצענט. די ציפערן זענען באמת פאזיטיוו, אבער מיר נעמען נאך נישט אראפ אונזער פוס פון די גאז אין די נאענטע צייט. איך ווייס אז גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס זענען דא פאר די לאנגע טערמין פאר די גוטס פון די פאסאנזשירן און פון אלע ניו יארקער."

**סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "מיר האבן געמאכט גרויסע פארשריט מיטן ברענגען שטיצע און סערוויסעס פאר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט און גייען אריבער היימלאזיגקייט אין NYC. מער פון 650 מענטשן האבן באקומען סערוויסעס פון אונזערע 'זיכערע אפציעס שטיצע' (Safe Options Support) מאנשאפטן, און זיי באקומען די הילף וואס זיי דארפן צו קענען אריבערגיין צו וואוינען אין מער קביעות'דיגע הייזער. גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו צושטעלן די מיטלען וועלכע זענען נויטיג צו העלפן יעדן ניו יארקער, באזונדערס די וועלכע זענען אין די שוואכסטע מצבים, צו באקומען די באהאנדלונג און סערוויסעס וואס זיי דארפן."

**באדייטנדע רעדוקציעס אין סאָבוועי פארברעכן**

זינט די איניציאטיוו וועלכע זענען אנאנסירט געווארן לעצטע אקטאבער, זענען גרויסע פארברעכנס אין די סאָבוועי סיסטעם געפאלן מיט 16 פראצענט אין פארגלייך צו די זעלבע צייט אפשניט לעצטע יאר. אין צוגאב קערן זיך די פארברעכן ראטעס אויף די סאָבוועיס צוריק צו די שטאפלען פון בעפאר די פאנדעמיע. אין 2019 איז די ראטע פון פארברעכן געווען 1.5 פארברעכנס פער מיליאן פאסאנזשירן. אין 2022 איז די ראטע פון פארברעכן געווען 2.3 פארברעכנס פער מיליאן פאסאנזשירן. ביז יעצט אין 2023 שטייט די ראטע לויט די צאל פאסאנזשירן בלויז אויף 1.7 פער מיליאן פאסאנזשירן. מארד פעלער אויף טראנספארטאציע איז אראפ פון פיר צו צוויי. נאך מער, דעם יאנואר האבן מיר געזעהן די נידעריגסטע שטאפל פון פארברעכן אויף טראנספארטאציע אין פארגלייך צו סיי וועלכע אנדערע יאנואר זינט 1993 ווען די ציפערן זענען אנגעהויבן געווארן צו געזאמלט ווערן. שיסערייען אויף טראנספארטאציע זענען אראפ מיט 14 פראצענט, און עס איז געווען א מערקווירדיגע רעדוקציע אין רויבערייען וועלכע זענען אראפ מיט 30 פראצענט. ארעסטן אין אלגעמיין זענען געפאלן מיט 43.4 פראצענט זינט אקטאבער 2022, און טיקעטס פארטיילט דורך די טרענזיט עדזשודיקעישען ביורא (Transit Adjudication Bureau) זענען אראפ מיט 84.8 פראצענט.

**פאסאנזשירן זיך צוריקקערנדיג צו די סאָבוועי סיסטעם**

אום דעצעמבער 27, 2022 האט די MTA אנאנסירט אז די צאל פאסאנזשירן איז איבערגעשטיגן 1 ביליאן אזוי ווי פאסאנזשירן continued האבן פארגעזעצט זיך צוריקצוקערן צו די סאָבוועי, און דורכאויס אקטאבער 2022 איז די צאל סאָבוועי פאסאנזשירן ארויף מיט 38.6 פראצענט העכער פון די זעלבע צייט אפשניט אין 2021. די MTA פאסאנזשירן צופרידנהייט סורוועי וואס איז דורכגעפירט געווארן אין דעצעמבער 2022 האט אויך געוויזן אן 18 פראצענטיגע וואוקס אין די צאל פאסאנזשירן וועלכע האבן געזאגט אז זיי פילן "זיכערער" אדער "פיל זיכערער" אויף די באנען אדער אין די סטאנציעס, זייענדיג די גרעסטע וואוקס אין איין חודש זינט די אנהויב פון די סורוועיס אין פרילינג פון 2022.

**היימלאזע מענטשן פארבינדן מיט קריטישע אינטערווענץ און גייסטישע געזונטהייט מיטלען**

גאווערנער האקול נעמט אונטער א פילפאכיגע צוגאנג צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס און די השפעות דערפון אויף פובליק זיכערהייט אין ניו יארק סיטי. דאס רעכנט אריין באמיאונגען צו שטארק פארברייטערן די קעיר וואס ווערט צוגעשטעלט, צו אפפערן באלוינונגען צו פארשטערקערן די גייסטישע

געזונטהייט קעיר אַרבעטסקראַפט און צו שטופּן העלטקעיר אַנשטאַלטן צוריקצוברענגען די צאָל בעטן פאַר פסיכיאַטרישע פּאַציענטן וועלכע זענען אַוועקגענומען געוואָרן דורכאויס די קאָוויד-19 פּאַנדעמיע.

עס זענען יעצט דאָ 10 מאַנשאַפטן מיט ספּעציעל טרעינירטע גייסטישע געזונטהייט פּראָפעסיאָנאַלן – גרופּן 'זיכערע אָפּציעס שטיצע' מאַנשאַפטן – וועלכע אַרבעטן צוזאַמען מיט עמערדזשענסי שעלטערס, מיט אַגענטורן וועלכע אַרבעטן צוזאַמען מיט די מענטשן, מיט אָרגאַניזאַציעס וועלכע העלפן מענטשן מיט שטיצנדע האָוזינג אין ניו יאָרק סיטי צו אַריינברענגען די געשאַצטע 3,900 מענטשן וועלכע וואוינען אויף די גאַס אָדער אין די סאָבוועי סיסטעם צו אַ סטאַבילע פּלאַץ צו וואוינען. די מאַנשאַפטן האָבן שוין איינגעשריבן 650 מענטשן צו באַקומען אינטערווענץ סערוויסעס אין קריטישע צייטן ( Critical Time Intervention), אַ שיטה וואָס איז באַזירט אויף באַווייזן וואָס העלפט פאַרבינדן וואַקלדיגע מענטשן מיט הייזער און מיט סערוויסעס אין שווערע צייטן פון איבערגאַנג אין זייערע לעבנס.

די סטעיט שטעלט אויך צו 10 מיליאָן דאָלאַר צו אויפשטעלן צוויי ['איבערגאַנג אַהיים' ( Transition to Home)](#) יוניטס אין ניו יאָרק סיטי צו צושטעלן באַהאַנדלונגען פאַר פּאַציענטן אין פסיכיאַטרישע אַנשטאַלטן, געווידמעט פאַר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פּראָבלעמען וועלכע גייען איבער היימלאָזיגקייט. די ערשטע יוניט איז אויפגעשטעלט געוואָרן ביי די Manhattan Psychiatric Center אין נאָוועמבער, און עס האָט יעצט 20 בעטן מיט נאָך פינף בעטן פּלאַנירט צו צוגעלייגט ווערן אין די קומענדיגע וואָכן און אַ צווייטע יוניט מיט 25 בעטן ערוואַרטעט צו צוקומען דורכאויס דעם ווינטער.

אַלץ טייל פון דעם 'פּאָליציי, קאַמעראַס און קעיר' איניציאַטיוו האָט גאָווערנער האָקול אַנגעוויזן אַז אַן איבערגאַנג פּראָגראַם מיט 60 בעטן זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר מענטשן וועלכע דאַרפן באַזונדערע קעיר צווישן זיין אין שפּיטאָל און קענען וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט. נוצנדיג 7.2 מיליאָן דאָלאַר אין סטעיט געלטער וועלן די קאַמיוניטי וואוינונגען סטעפּ-דאַון פּראָגראַמען אויפגעשטעלט ווערן ביי פיר לאָקאַציעס אין ניו יאָרק סיטי, און יעדע איינס וועט האָבן 15 יוניטס פון צייטווייליגע הייזער פאַרבינדן מיט אַרומיגע שטיצנדע סערוויסעס אויפן אָרט וועלכע זענען נויטיג צו העלפן מענטשן איבערגיין צו אַ לעבן אין אַ קאַמיוניטי אויף אַן ערפאָלגרייכן פאַרנעם און צו אַ קביעות'דיגע היים.

די סטעיט פירט דורך טרעינירונגען פאַר געזעץ אינפאָרסירונג און פאַר ערשטע הילף מאַנשאַפטן איבער וויאַזוי צו האַנדלען מיט מענטשן וועלכע האָבן גייסטישע געזונטהייט פּראָבלעמען וועלכע גייען איבער היימלאָזיגקייט. די טרעינירונג רעכנט אַריין פונדאַמענטאַלע קריזיס אינטערווענץ סקילס און די בעסטע שיטות וויאַזוי צו אַרבעטן מיט די באַפעלקערונג אויף די גאַסער וועלכע האָבן גייסטישע געזונטהייט פּראָבלעמען.

גאָווערנער האָקול האָט אויך געהעכערט די ראַטעס וואָס מעדיקעיד צאָלט פאַר סערוויס צו צוריקברענגען בעטן אין פסיכיאַטרישע אָפּטיילונגען. ניו יאָרק סטעיט האָט צוגעשטעלט 27.5 מיליאָן דאָלאַר – ערוואַרטעט צו געטאָפּלט ווערן דורך די פעדעראַלע רעגירונג צו אָנקומען צו אַ סך הכל פון 55 מיליאָן דאָלאַר – צו קענען העכערן די ראַטעס וועלכע זענען אין קראַפט למפרע פון אַפּריל 1, 2022.

אין צוגאַב שטעלט די סטעיט'ס 9 מיליאָן דאָלאַרדיגער 'קאַמיוניטי גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאָלונג פּראָגראַם' (Community Mental Health Loan Repayment Program) צו הלוואה צוריקצאָלונגען פון ביז אַזויפיל ווי $120,000 פאַר פסיכיאַטאָרן און ביז אַזויפיל ווי $30,000 פאַר פסיכיאַטרישע נורס פּרעקטישאַנערס אין לויף פון אַ דריי-יאָריגע תקופה. דער פּראָגראַם איז פּראָאויסגעזאָגט צו צושטעלן סערוויסעס פאַר אומגעפער 180 פסיכיאַטאָרן און פאַר 180 פסיכיאַטרישע נורס פּרעקטישאַנערס.

אין איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע האט גאווערנער האקול זיך אונטערגענומען צו צולייגן נאך 1,000 בעטן אין פסיכיאטרישע אפטיילונגען און אנשטאלטן, ערזעצנדיג מער פון האלב פון די בעטן וועלכע זענען פארלוירן געווארן זינט 2014. בויען 3,500 נייע האוזינג יוניטס פאר ניו יארקער מיט גייסטישע קראנקהייטן. פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר סקול קינדער. פארבעסערנדיג די פארלאנגען פון שפיטעלער ביים ארייננעמען פאציענטן און פאר פלאנירונג בעפארן באפרייען פאציענטן און שאפנדיג 50 נייע קריטישע אינטערוועגץ קעיר קאארדינאציע מאנשאפטן צו צושטעלן סערוויסעס פאר אלעס ארום און ארום פאר באפרייטע פאציענטן.

אין צוגאב וועט גאווערנער האקול שטופן פאר געזעצן צו עלימינירן די לעכער אין דעקונג פון אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס און פארבאטן אינשורענס פירמעס פון צוריקווייזן נויטיגע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס סיי פאר קינדער און סיי פאר ערוואקסענע. די אינוועסטירונגען און איניציאטיוון וועלן פונדאסניי אויסגלייכן די סטעיט'ס צוגאנג צו גייסטישע געזונטהייט צו ציהלן צו טראנספארמירן אלע טיילן פון די גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם — פון פארמיידונג ביז באהאנדלונג און ערהוילונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418